

# דער אייראָפּעישער געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן

## לאָזן די רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן רעדן!


Рамачная праграма супрацоўніцтва для Арменіі, Азербайджана, Грузіі, Рэспублікі Малдова, Украіны і Беларусі

**Programmatic Cooperation Framework for Armenia, Azerbaijan, Georgia, Republic of Moldova, Ukraine and Belarus**

Funded by the European Union and the Council of Europe

EUROPEAN UNION

COUNCIL OF EUROPE

CONSEIL DE L'EUROPE

Implemented by the Council of Europe

# דער געזעץ: לאָזן די רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן רעדן!




## ניצן אַ שפּראַך מאַכט זי שטאַרקער. ניצט די שפּראַך, פֿאַרלירט זי ניט!

אַ סך אייראָפּעישע לענדער האָבן אויף זייערע טעריטאָריעס גרופּעס פֿון אַלטגעזעסענע תּושבֿים וואָס רעדן ניט די זעלביקע שפּראַך ווי דאָס רובֿ באַפֿעלקערונג .די צאָל רעדער פֿון אַזעלכע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן קען זיך וואַרייִרן, ווי אויך זייער יורידישער סטאַטוס אין זייערע לענדער. אָבער אַ סך פֿון זיי האָבן איין זאַך בשותּפֿות: זיי זענען – איז אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס– באַדראָט.

דער אייראָפּעישער געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן איז דער איינציקער אָפּמאַך אויף דער וועלט וואָס פֿאַרטיידיקט און באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פֿון די טראַדיציאָנעלע רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן.
ס'איז מעגלעך אָפּצושטעלן און אפֿילו צו פֿאַרקערעווען דעם שפּראַך־אונטערגאַנג, ווי עס באַווײַזן די בײַשפּילן פֿון אַ סך לענדער, וווּ די ייִנגערע דורות לערנען און ניצן די שפּראַכן ,טראַדיציאָנעל גערעדט אין זייערע משפּחות און געגנטן.
ניט לגבי אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן איז דאָס אָבער אַזוי. די צאָל פֿון עטלעכע שפּראַכן טוט זינקען כּסדר. אויב די טענדענץ וועט ניט פֿאַרקערעוועט ווערן, וועט זי אומפֿאַרמײַדלעך ברענגען צו אויסשטאַרבונג פֿון די שפּראַכן אין די געגנטן וווּ מען האָט זיי טראַדיציאָנעל געניצט יאָרהונדערטער־לאַנג און וווּ זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ וויכטיקן טייל פֿון היגער אידענטיטעט.

## רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן

אין דעם געזעץ גייט די רייד וועגן די שפּראַכן וואָס שיידן זיך אונטער פֿון דער שפּראַך (די שפּראַכן), גערעדט פֿון דעם רובֿ באַפֿעלקערונג, אפֿילו אויב זייער רעדער־צאָל איז נידעריק. שפּראַכן פֿון מיגראַנטן אָדער דיאַלעקטן פֿון דער מלוכישער שפּראַך רעכענען זיך ניט פֿאַר קיין רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן.

## ניצן די שפּראַך אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן

דער געזעץ גיט געניוע אָנווײַזונגען ווי אַזוי אָפּצוהיטן און אונטערצושטיצן די מינדערהייט־אָדער רעגיאָנאַלע שפּראַכן אינעם טאָג־טעגלעך לעבן. די מלוכות ווערן געבעטן צו גאַראַנטירן עקזיסטענץ פֿון בילדונג און דינסטן – פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע אָדער נײַע מעדיאַ, ווי אויך עפֿנטלעכע אַדמיניסטראַטיווע דינסטן אין די דאָזיקע שפּראַכן.
דער געזעץ אַגיטירט צו ניצן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אַלע אַספּעקטן פֿון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, פֿון פֿאַרקער־צייכנס ביז מעדיצין און קאָמוניקאַציע מיט מאַכט־פֿאַרשטייער.

## קודם־כּל– ניצן די שפּראַך

די רעדער פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן שפּילן אַ שליסל־ראָלע אין אונטערשטיצן זייערע שפּראַכן, ניצנדיק זי אין אַלע ספֿערעס פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן און פּריוואַטן לעבן. נאָר די שפּראַך, וואָס ווערט אַקטיוו געניצט טאָג אײַן טאָג אויס, קען לעבן און אַנטוויקלען זיך.

## צושטײַער צו שלום און קעגנזײַטיק פֿאַרשטענדעניש

דרך־ארץ צו די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און אַגיטאַציע צו ניצן זיי זענען ניט סותר דעם סטאַטוס פֿון די אָפֿיציעלע שפּראַכן פֿון די מלוכות און די נייטיקייט צו לערנען זיי. פֿאַרקערט, אָנערקענונג פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און דרך־ארץ צו זייערע רעדער און קולטורן העכערן דאָס פֿאַרשטענדעניש אין דער געזעלשאַפֿט.
דרך־ארץ צו די שפּראַכן און זייערע קולטורן העלפֿט צו פֿאַראייניקן אַ לאַנד– ניט צו צעטיילן עס. דאָס איז דער בעסטער און אייגנטלעך דער איינציקער אופֿן צו פֿאַראייניקן מענטשן מיט פֿאַרשיידענע שפּראַכלעכע און קולטורעלע הינטערגרונטן.

## געמיינזאַמע ראַמען פֿאַר אייראָפּעישע לענדער

דער געזעץ איז דאָס איינציקע פֿאַרטיידיקונג־מיטל פֿון די מינדערהייט־שפּראַכן ,וואָס האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אומפֿאַנג. ער ברענגט אַ נוץ צו די לענדער, וואָס נעמען אים אָן, פֿאָרלייגנדיק געמיינזאַמע און אומעטום־אָנערקענטע ראַמען פֿאַר זייער שפּראַך־פּאָליטיק.
דער געזעץ און די ראַמען־קאָנווענץ פֿון פֿאַרטיידיקן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן שפּיגלען אָפּ די לאַנגטערמיניקע שטרעבונג פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט צו פֿאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן .



## אַ פּלאַטפֿאָרם פֿאַר מיטאַרבעט צווישן די מלוכות און די ניט־רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס

שפּראַך־פֿרײַנדלעכע פּאָליטיק קען פֿאַנאַנדערגעאַרבעט ווערן נאָר דורך מיטאַרבעט מיט די רעדער פֿון די באַטראַכטע שפּראַכן. אַלע זײַטן פּראָפֿיטירן פֿון דער מיטאַרבעט. אַ שליסל־באַדינגונג פֿאַר דערפֿאָלגרײַכער אויספֿילונג פֿון דעם געזעץ איז דיאַלאָג צווישן דער מאַכט און דער בירגער־געזעלשאַפֿט.

## מאָניטאָרינג – דינגטער טריט אַן אומבאַ

רעגולערער מאָניטאָרינג פֿון אָנווענדן דעם געזעץ אין די אייראָפּעישע לענדער גאַראַנטירט, אַז דער געזעץ וועט בלײַבן אַ לעבעדיקע און עפֿעקטיווע כּלי. דער פּראָצעס פֿון מאָניטאָרינג האָט אָפֿט - אַפֿילו אין זײַנע פֿריערע שטאַפּלען – געהעכערט די באַוווּסטזיניקייט פֿון די מלוכות לגבי פּאָטענציאַל אָדער חסרונות פֿון זייער שפּראַך־פּאָליטיק. ער האָט אויך בײַגעטראָגן צו קאָנסטרוקטיווע קאָנטאַקטן צווישן די מלוכות און די רעדער פֿון די מינדערהייט־שפּראַכן. אַחוץ דעם, זענען אַנטשטאַנען נײַע קאָנטאַקטן צווישן גרופּעס רעדער פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

## דער בײַטראָג פֿון דעם געזעץ

זײַט דעם ווי מען האָט אָנגעהויבן צו פֿירן דעם געזעץ אין לעבן, זענען פֿאָרגעקומען פֿילצאָליקע פֿאַרבעסערונגען. בשעת מעשׂה זענען געלייזט געוואָרן אויך אַנדערע פּראָבלעמען. דער געזעץ שפּילט די צענטראַלע ראָלע, ער איז געשאַפֿן געוואָרן כּדי צו באַשיצן און צו פּראָמאָווירן אַלע שפּראַכן, לאָזנדיק זיי זיך צו אַנטוויקלען, און אַזוי אַרום צו פֿאַרשטאַרקן די שפּראַך־פֿילמיניקייט פֿון אייראָפּע.

# דער געזעץ־פּראָצעס

## עס באַטייליקן זיך 3 הויפּט־שותּפים:

- דער אייראָפּעישער ראַט
- די מלוכה
- ניט־רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס \
פֿאַרטרעטער פֿון די שפּראַך־רעדער



## אַ קאָנסטרוקטיווער דיאַלאָג

דער געזעץ איז דער אָפּמאַך וואָס איז פֿאַנאַנדערגעאַרבעט פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט און וועט כּסדר נאָכגעקוקט.

ווי אויך אַ סך אַנדערע אויפֿטוען פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט, איז דער מאָניטאָרינג דורכגעפֿירט אין צוויי שטאַפּלען. אויף דעם ערשטן שטאַפּל באַריכט די מלוכה אַליין וועגן דעם ווי דער געזעץ ווערט אין לעבן געפֿירט.

דער צווייטער שטאַפּל שטעלט מיט זיך פֿאָר מאָניטאָרינג וואָס פֿירט אויס אַן אומאָפּהענגיקער עקספּערטן־קאָמיטעט, אויסגעקליבן פֿון דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט פֿונעם אייראָפּעישן ראַט.

אינעם פּראָצעס פֿון מאָניטאָרינג באַטייליקן זיך אַלע אינסטאַנצן: דער אייראָפּעישער ראַט, די מלוכות פֿון די אייראָפּעישע לענדער, די ניט־רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס און די פֿאַרטרעטער פֿון די רעדער פֿון די מינדערהייט־שפּראַכן. אַזאַ אָרגאַניזאַציע גיט אַלע זײַטן אַ מעגלעכקייט צו פֿירן אַ המשכדיקן דיאַלאָג, און די רעדער פֿון דער שפּראַך קענען שפּילן אַ הויפּט־ראָלע אין דעם פּראָצעס פֿון פֿירן אין לעבן דעם געזעץ.

## די מלוכה

די מלוכה חתמעט און ראַטיפֿיצירט דעם געזעץ, באַצייכענענדיק פֿאַרשיידענע באַשיצונג־מיטלען פֿאַר יעדער מינדערהייט־שפּראַך, לויטן טייל 3 פֿונעם געזעץ (לכּל־הפּחות 35 פֿון די 68 מיטלען).

אין משך אַ יאָר נאָך דער ראַטיפֿיקאַציע שטעלט די מלוכה פֿאָר איר ערשטן באַריכט מכּוח דער פּאָליטיק וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין ראַמען פֿונעם טייל 2 פֿון דעם געזעץ און מכּוח די מיטלען, אָנגענומען מיטן ציל אין לעבן צו פֿירן די פֿאָדערונגען פֿונעם טייל 3, וואָס דאָס לאַנד האָט אָנגענומען. ווײַטערע באַריכטן מוזן צוגעשטעלט ווערן יעדע 3-4 יאָר. דאָס לאַנד גרייט צו דעם באַריכט בשותּפֿות מיט פֿאַרטרעטער פֿון די רעדער פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. די דאָזיקע פּראַקטיק ווערט שטרענג רעקאָמענדיקט, זי העכערט קעגנזײַטיק פֿאַרשטענדעניש, און אין פֿילצאָליקע פֿאַלן העלפֿט אַליין לאָזן געוויסע פּראָבלעמען.

די מלוכה איז מחויב צו פֿאַרעפֿנטלעכן אירע רעגולערע באַריכטן. די באַריכטן ווערן אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אויף דער וועב־זײַט פֿונעם געזעץ.

דער אייראָפּעישער ראַט מעג אָרגאַניזירן סעמינאַרן אָדער ספּעציעלע באַגעגענישן כּדי צו העלפֿן די מלוכות זיך צוגרייטן צו ראַטיפֿיקאַציע פֿון דעם געזעץ. די מלוכה גופֿא מעג אויך אָרגאַניזירן באַגעגענישן בשעת צוגרייטן אירע באַריכטן אָדער פֿאַרשפּרייטן זיי. אַזעלכע סעמינאַרן אָדער באַגעגענישן קענען אויך דורכגעפֿירט ווערן ווי אַ מיטל פֿון פֿאַרשפּרייטן אינפֿאָרמאַציע וועגן קאָנטראָלירונג־באַריכט פֿון דעם עקספּערטן־קאָמיטעט און וועגן די רעקאָמענדאַציעס, אָנגענומען פֿון דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט פֿונעם אייראָפּעישן ראַט.

## ניט־רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס \ פֿאַרטרעטער פֿון די רעדער

ניט־רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע פֿאַרטרעטער פֿון רעדער פֿון די שפּראַכן, וואָס זענען באַצייכנט אינעם געזעץ, ווערן געבעטן מיטצוטיילן דער מלוכה אָדער דעם אייראָפּעישן ראַט (דורך דעם סעקרעטאַריאַט פֿון דעם געזעץ) וועגן די ענייִנים, פֿאַרבונדן מיט פֿירן דעם געזעץ אין לעבן. זיי ווערן אויך געבעטן צו באַטייליקן זיך אין צוגרייטן די באַריכטן, וואָס ווערן אײַנגעגעבן פֿון זייער מלוכה.

אינעם מאָניטאָרינג־פּראָצעס, וואָס קומט נאָך דער אײַנגעבונג פֿון דעם באַריכט פֿון דער מלוכה, ווענדט מען צו אַנדערע פֿאַרטרעטער פֿון די רעדער. זיי מעגן אויך אַקטיוו אָנטייל נעמען אין דעם פּראָצעס, מיטטיילנדיק דעם געזעץ־סעקרעטאַריאַט וועגן אַלע ענייִנים, פֿאַרבונדן מיטן פֿירן דעם געזעץ אין לעבן.

## עקספּערטן־קאָמיטעט

רעגולערער מאָניטאָרינג פֿון אָנווענדן דעם געזעץ ווערט אויסגעפֿירט פֿון דעם עקספּערטן־קאָמיטעט. דער קאָמיטעט באַטראַכט יעדן באַריכט, וואָס די מלוכות געבן אײַן, און גרייט צו אַן אָפּשאַצונג־באַריכט פֿאַר דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט.
אינסטאַנצן אָדער אַסאָציאַציעס, וואָס פֿירן אויס לעגאַלע טעטיקייט אין דעם לאַנד, מעגן צושיִקן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם עקספּערטן־קאָמיטעט צו די ענייִנים, פֿאַרבונדן מיט אונטערנעמונגען, וואָס די מלוכה איניציִירט.



כּדי צוצוגרייטן דעם אָפּשאַצונג־באַריכט, באַזוכן די מיטגלידער פֿון דעם קאָמיטעט געוויינטלעך די מלוכה און זאַמלען ווײַטערע אינפֿאָרמאַציע אויפֿן אָרט - פֿון די ממונים און די רעדער פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מידערהייט־שפּראַכן. די דאָזיקע פּראַקטיק גאַראַנטירט, אַז דער געזעץ וועט בלײַבן אַ לעבעדיקע און עפֿעקטיווע כּלי.

## מיניסטאָרן־קאָמיטעט

דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט (וואָס באַשטייט פֿון די אויסן־מיניסטאָרן פֿון די לענדער – מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט) גיט רעקאָמענדאַציעס צו די לענדער וואָס האָבן ראַטיפֿיצירט דעם געזעץ, לויטן דורכקוק, געמאַכט פֿון דעם עקספּערטן־קאָמיטעט. די רעקאָמענדאַציעס פֿון דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט זענען די פֿאַרלאָזלעכסטע כּלי פֿון דעם געזעץ. די מלוכות האָבן געמוזט וואַכיק רעאַגירן אויף די רעקאָמענדאַציעס, וואָס האָבן אַזוי אַרום משפּיע געווען אויף דער פּאָליטיק פֿון מערערע לענדער.

## דורכזיכטיקע פּראַקטיק

דער פּראָצעס פֿון פֿירן אין לעבן דעם געזעץ איז דורכזיכטיק. די באַריכטן פֿון די מלוכות, וואָס ווערן אײַנגעגעבן יעדע 3 יאָר, די אָפּשאַצונג־באַריכטן פֿון דעם עקספּערטן־קאָמיטעט און די רעקאָמענדאַציעס פֿונעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט אויף דער וועב־זײַט פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט און זענען צוגענגלעך פֿאַר אַלעמען.

# דער געזעץ
# על־רגל־אחת




## די סטרוקטור פֿון דעם געזעץ

**טייל 1**

אינעם ערשטן טייל ווערט דעפֿינירט דער פֿאַרנעם פֿונעם געזעץ.

**טייל 2**

אינעם צווייטן טייל ווערט אַרויסגעברענגט 'דער גײַסט פֿון דעם געזעץ'. זײַן קערן איז די אָנערקענונג פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן ווי אַן אויסדרוק פֿון קולטורעל עשירות. די פֿאָרשרײַבונגען, געגעבן אין דעם צווייטן טייל, גילטן פֿאַר אַלע שפּראַכן וועס זענען טראַדיציאָנעל גערעדט אין דעם לאַנד.

**טייל 3**

יעדע מלוכה באַשטימט, וועלכע שפּראַכן מוזן ווערן מער פּרטימדיק באַטראַכט. פֿאַר יעדער שפּראַך מוז די מלוכה אָנווענדן לכל־הפּחות 35 פֿון 68 פֿאָרשרײַבונגען.

**טייל 4**

דער מאָניטאָרינג איז דער וויכטיקסטער קאָמפּאָנענט פֿון דעם געזעץ־פּראָצעס. מאָניטאָרינג און אַנדערע עניינים פֿון אָנווענדן דעם געזעץ ווערן דעפֿינירט אין דעם פֿערטן טייל.

**טייל 5**

אינעם פֿינפֿטן טייל ווערן באַטראַכט די עניינים, פֿאַרבונדן מיט אַרײַנקום פֿון דעם געזעץ אין קראַפֿט, ווי אויך מיט חתמענען און ראַטיפֿיצירן דעם געזעץ.

## טייל 2

### פּרינציפּן און צילן, וואָס גילטן פֿאַר אַלע שפּראַכן

דער צווייטער טייל פֿון דעם געזעץ איז אָנווענדלעך צו אַלע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן וואָס זענען טראַדיציאָנעל גערעדט אין אַ לאַנד, ניט געקוקט אויף דעם, צי אַ מלוכה האָט אויסגעקליבן די שפּראַך פֿאַר פֿאַרטיידיקונג לויט דער מער פּראָטימדיקער פּראָגראַם.

### לויטן צווייטן טייל וועלן אָנגעוואָנדן די דאָזיקע גרונט־פּרינציפּן:

- דער געזעץ באַזירט זיך אויף דער אָנערקענונג פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן ווי אַן אויסדרוק פֿון קולטורעלער עשירות און פֿון נייטיקייט פֿון צאָלוויסיקע אונטערנעמונגען כּדי צו פּראָטעזשירן די דאָזיקע שפּראַכן. אַ סך לענדער, וואָס האָבן געחתמעט דעם געזעץ, באַשיצן און פּראָטעזשירן איצט די שפּראַכן, וואָס זענען טייל פֿון דער קולטורעלער און שפּראַכלעכער  פֿריער אפֿילו ניט אָנערקענט געווען ווי אַ ירושה פֿון דעם לאַנד.
- ווען דער געזעץ פֿאָדערט, די מלוכות זאָלן רעספּעקטירן די געאָגראַפֿישע אַרעאַלן רינציקפּזיקער אָקטיש ווערט דער דאַרפֿן. אַרפֿדער מינדערהייט־שאָלע אַנאָרעגי טיווע גרענעצן אויףאַדמיניסטראַנירט צו ענדערן די אַלפּנדן, ווען למשל די מלוכה אָנגעוואָכן.אַרפֿדער מינדערהייט־שאָלע אַנאָטיוו ווירקן אויף רעגיאָס קען נעגאָן ווּפֿן אוא
- כןאַרפֿגרענעצן די שאַר ניט באַז מע טאָגט, אָון דעם געזעץ זפּ פֿרינציפּגרונט־ אַ ך אויכעטאַרפֿון דער שפּניץ אַערע. מע מוז מוטיקן דעם בפֿטער סאַריוופֿאויסשליסלעך צו אין עפֿנטלעך לעבן. אויפֿן גרונט פֿון דעם פּרינציפּ האָבן די מלוכות און אָרטיקע אַדמיניסטראַציעס אַנטוויקלט ניַע מעגלעכקייטן צו ניצן די שפּראַכן אין אַלע תחומים אין בילדונג, אַדמיניסטרירונג, געריכטן, מעדיאַ אוןווירטשאַפֿט.—פֿונעם עפֿנטלעכן לעבן
- בילדונג אויף אַלע ניוואָען מכריעדיק פֿאַר אַנטוויקלונג פֿון יעדער שפּראַך. דער געזעץ פֿאָדערט, יעדע מלוכה זאָל דערמעגלעכן פּאַסיקע אופֿנים און מיטלען פֿאַר לערנען אַלע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן פֿון דעם לאַנד. אַזוי אַרום, אין אַ סך פֿאַלן זענען באַמערקלעך פֿאַרבעסערונגען אין באַזאָרגן בילדונג אין די דאָזיקע שפּראַכן אָדער מעגלעכקייטן צו לערנען די שפּראַכן ווי אַ פֿאַך, בתוכם די שפּראַכן וואָס זענען ניט באַשיצט לויט דער פּרטימדיקערער פּראָגראַם, דעפֿינירט אין דעם 3טן טייל פֿון דעם געזעץ.
- דער שפּראַך־פֿריַנדלעכער גייסט פֿון דעם געזעץ זוכט פּאָזיטיווע און קאָנסטרוקטיווע אופֿנים צו




קעגנזײַטיקע  סאָנטוויקלען די שפּראַכן. דאָס איז אַ צורוף צו העכערן דאַ
אי די רעדער פֿון–רשטענדעניש צווישן אַלע שפּראַך־גרופּעס פֿון דעם לאַנד פֿאַ
רובֿ־שפּראַכן, אי די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן. דרך־ארץ,
פֿאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ צו שפּראַכן איז דער יסוד פֿון דעם געזעץ. אָבער
גלײַכצײַטיק פֿאָדערט דער געזעץ קלאָר, די מלוכות זאָלן פֿאַרווערן אַלע פֿאָרמעס פֿון
אומבאַרעכטיקטער דיסקרימינאַציע, אויסשליסונג, באַגרענעצונג אָדער פּרעפֿערענץ
לגבי די שפּראַך.

רשטענדעניש און פֿאַטיקע ײַס קעגנזאָלע אין העכערן דאָמכריעדיקע ר אַ
ילן די מאַס־מעדיאַ. דערפֿכן און קולטורן שאַרפּעס, זייערע שפּנדערע גרואַדרך־ארץ צו
זיקןאָס־מעדיע צו דערגרייכן דעם דאַסטערן די מײַגאַגעזעץ פֿאָדערט די מלוכות זאָלן ב
ציל.

אין אַ סך פֿאַלן האָבן רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אַן
אייגענע מלוכה, ווּ מע רעדט אַזאַ שפּראַך, און אָפֿט האָט זי דאָרטן אַ דאָמינאַנטע
פּאָזיציע. דער געזעץ פֿאָדערט פֿון די מלוכות צו באַגײַסטערן אויסטוישן איבער
צוגענגלעכע –נאַציאָנאַלע גרענעצן. עס קען שייך זײַן פֿאַרשיידענע מינים פֿון אויסטוישן
מעדיאַ, קולטורעלע קאָנטאַקטן אָדער צוזאַמענאַרבעט מיטן ציל פֿאַנאַנדערצואַרבעטן
די לערן־פּראָגראַם פֿון דער שפּראַך.

## טייל 3

## אויסקלײַב פֿון 98 מיטלען אין זיבן תּחומים פֿון עפֿנטלעך לעבן

דער דריטער טייל פֿון דעם געזעץ שליסט אײַן 68 אַרטיקלען מיט סך הכּל 98 מיטלען פֿון אונטערשטיצן די שפּראַכן, באַצייכנטע ווי יענע וואָס מוזן באַשיצט ווערן פֿון דעם טייל געזעץ. אין פֿאַל פֿון יעדער שפּראַך מוז מען אָנווענדן לכּל הפּחות 35 אונטערנעמונגען פֿון לכּל הפּחות 6 תּחומים. אָבער, בהסכּם מיטן גײַסט פֿון דעם געזעץ, האָבן די מלוכות פֿאַר דעם רובֿ שפּראַכן אויסגעקליבן מער ווי אַ מינימאַלע פּראָגראַם. פּראַקטיש קען דאָס מיינען, למשל:

## אין בילדונג־ספֿערע:

- די רעדער קענען שיקן זייערע קינדער אין אַ שול וואָס גיט בילדונג נאָר אויף זייער שפּראַך אָדער לכּל הפּחות לערנט זייער שפּראַך ווי אַ פֿאַך אויף אַלע שטאַפּלען: פֿון קינדער־גאָרטן ביז אוניווערסיטעט.
- די מלוכה מוז פֿאַרזאָרגן די דאָזיקע בילדונג און גאַראַנטירן, אַז די לערערס זענען צוגעגרייט כּדין וכּדת.

## אין געריכט־ספֿערע

- די רעדער קענען ניצן אין געריכט זייער אייגענע שפּראַך, ניט צאָלנדך עקסטרע פֿאַר איבערזעצונג.
- די מלוכה מוז גאַראַנטירן, אַז דאָקומענטן אין דער שפּראַך זענען גילטיק אין געריכט.

## קאָמוניקאַציע מיט אַדמיניסטראַטיווער מאַכט

- די רעדער קענען אויספֿילן בלאַנקען און איבערשרײַבן זיך מיט דער מאַכט אין זייער אייגענער שפּראַך, זיי קענען ניצן זייער נאָמען און טאָפּאָנימען אין זייער שפּראַך. אַחוץ דעם, מוז זייער שפּראַך געניצט ווערן אויף שילדן.
- די מלוכה מוז גאַראַנטירן, די פֿאַרטרעטער פֿון אַדמיניסטראַטיווער מאַכט זאָלן קענען באַדינען די באַפֿעלקערונג אין דער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך.

## מעדיאַ

- די רעדער האָבן אַ טובֿה פֿון ראַדיאָ און טעלעוויזיע־קאַנאַלן אָדער פֿון טראַנסמיסיע פֿון רעגולערע פּראָגראַמען אויף זייער שפּראַך - פֿון מלוכישער דינסט אָדער פּריוואַטע קאָמפּאַניעס. זיי קענען אויך לייענען צײַטונגען און האָבן צוטריט צו אוידיאָ־ווִיזואַלע ווערק אויף מינדערהייט־שפּראַכן.
- די מלוכה מוז אונטערשטיצן טראַנסמיסיעס אויף דער שפּראַך ווי אַ טייל פֿון מלוכישער טראַנסמיסיע־דינסט אָדער צו פֿועלן, די פּריוואַטע טראַנסמיטירער זאָלן אײַנשליסן אַזעלכע פּראָגראַמען, און אונטערצושטיצן אַנדערע פּאַסיקע מעדיאַ־פּראָדוקן, למשל, אויפֿן אינטערנעץ.



## קולטורעלע אַקטיווויטעטן

- קולטורעלע אַקטיוויטעטן, ביבליאָטעקן און ביכער אויף דער מינדערהייט־שפּראַך מוזן זײַן צוגענגלעך צו די רעדער. אויף דער שפּראַך מוז מען פֿאַנאַנדעראַרבעטן טערמינאָלאָגיע.
- די מלוכה מוז באַגײַסטערן און פֿאַרזאָרגן פֿינאַנציעלע שטיצונג פֿאַר פֿאַרשיידנאַרטיקע קולטורעלע אַקטיוויטעטן און גאַראַנטירן, די רעדער פֿון דער שפּראַך זאָלן אָנטייל נעמען אין פּלאַנירן די קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

## ווירטשאַפֿטלעך און סאָציאַל לעבן

- די רעדער קענען זיך ווענדן נאָך סאָציאַלער שטיצע, ניצנדיק זייער שפּראַך. ניצן די שפּראַך אין אַלע ספֿערעס פֿונעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן מוז אונטערשטיצט ווערן.
- די מלוכה מוז ליקווידירן אַלע באַגרענעצונגען פֿון ניצן די שפּראַכן אויף די אַרבעט־פּלעצער, אויב די באַגרענעצונגען זענען ניט באַרעכטיק פֿון פּראַקטישן קוקווינקל.

## אויסטויישן איבער מלוכישע גרענעצן

- די רעדער מוזן האָבן צוטריט צו טעלעוויזיע און ראַדיאָ פֿון איבער דעם גרענעץ, צו בשותּפֿותדיקע קולטורעלע אַקטיוויטעטן אָדער אַנדערע טובֿות וואָס גיט דאָס עפֿענען די גרענעצן מיט די שכנותדיקע לענדער, ווו די שפּראַך ווערט גענוצט.
- די מלוכה מוז אונטערשטיצן אַקטיוויטעטן איבער די גרענעצן. אויב ס'איז נייטיק, מוז זי דערפֿאַר שליסן אָפּמאַכן מיט די שכנותדיקע לענדער.

# דער געזעץ קען ענדערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן

אויף מערערע אופֿנים קען דער געזעץ
באַאײַנפֿלוסן די לאַגע און דעם סטאַטוס פֿון רעגיאָנאַלע
אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן.



## די רעדער שפּילן אַ שליסל־ראָלע

באַזונדערס וויכטיק איז צו פֿאַרשטיין, אַז דער געזעץ איז אַ מיטל פֿון פֿאַרטיידיקונג און אַנטוויקלונג פֿון רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן. אין אַ גרויסער מאָס שפּילן די וויכטיקסטע ראָלע אין דעם פּראָצעס די רעדער, וואָס ניצן טאָג־אַײַן־טאָג־אויס די שפּראַכן, באַשיצט פֿונעם געזעץ. די צוקונפֿט פֿון אַ שפּראַך הענגט אָפּ פֿון איר טאָג־טעגלעכן געברויך אין פּריוואַט און געזעלשאַפֿטלעך לעבן. צו איר צוקונפֿט קענען אויך בײַטראָגן דאָס ניצן די שפּראַך אין בילדונג, מעדיאַ און קולטורעלע אַקטיוויטעטן. זי הענגט אויך אָפּ פֿון דעם, צי מען וועט ניצן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך – אומעטום ווו ס'איז מעגלעך – אין אַדמיניסטראַטעווער טעטיקייט און קאָנטאַקטן מיט דער מלוכה. אָן אַזאַ בײַטראָג וועלן אַלע אַנדערע אָנשטרענגונגען זיך אַרויסווײַזן זינלאָז.

אָט זענען בלויז עטלעכע בײַשפּילן פֿון דעם, ווי אַזוי דער געזעץ קען העלפֿן די מענטשן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי וועלן קענען:

- לערנען און רעדן זייער שפּראַך אין שול
- אויספֿילן אָפֿיציעלע פּאַפּירן אויף זייער שפּראַך
- האָבן פֿאַרקער־צייכנס און טאָפּאָנימען־שילדן אויף זייער שפּראַך
- הערן ראַדיאָ, זען טעלעוויזיע אָדער לייענען צײַטונגען אויף זייער שפּראַך
- געניסן אַ רײַכע קולטור אין אַלע אירע אַספּעקטן, כּולל ליטעראַטור,
- טעאַטערס, קאָנצערטן, יום־טובֿים, ווידעאָ־ווערק אויף זייער שפּראַך, וואָס וועלן אויך אָפּשפּיגלען זייער קולטור.



## אויף דער וועב־זײַט פֿון דעם געזעץ קענט איר געפֿינען:

- דעם פֿולן טעקסט פֿון דעם אייראָפּעישן געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און זײַן דערקלערונג־באַריכט
- די רשימה פֿון לענדער וואָס האָבן אונטערגעחתמעט און ראַטיפֿיצירט דעם געזעץ
- די רשימה פֿון די שפּראַכן וואָס ווערן באַטראַכטן אין דעם געזעץ
- ונעם פֿריכטן אַצונג־באַשאָפּון די לענדער, פֿריכטן אַדישע באָעריפּאלע ציעס, געגעבן צו די מלוכות פֿון אַעקספּערטן־קאָמיטעט און די רעקאָמענד דערם מיניסטאָרן־קאָמיטעט פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט
- לינק־פֿאַרבינדונגען צו ווײַטערע קוואַלן און ליטעראַטור מכּוח דעם געזעץ
- ריכטןאַדישע באָעריפּזוי צוצוגרייטן אַכטן: ווי אַר די מפֿאַזונגען ײַנוואָ
- נײַעס און אינפֿאָרמאַציע וועגן דער אָנווענדונג פֿון דעם געזעץ

**www.coe.int/minlang**

פֿאַרפֿאַסט פֿון דעם סעקרעטאַריאַט פֿון דעם
אייראָפּעיִשן געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער
מינדערהייט־שפּראַכן בשותּפֿות מיטן קאָמוניקאַציע־דירעקטאָראַט.

דער דאָקומענט איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער הילף פֿון געלטער פֿון
אַ בשותּפֿותדיקן פּראָיעקט צווישן דעם אייראָפּעיִשן פֿאַרבאַנד און
דעם אייראָפּעיִשן ראַט. די השקפֿות, אַרויסגעבראַכט דאָ, קענען בשום אופֿן
ניט גערעכנט ווערן ווי די אָפֿיציעלע פּאָזיציע פֿונעם אייראָפּעיִשן פֿאַרבאַנד.

© בילדער: דער אייראָפּעיִשער ראַט

דער אייראָפּעישער געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן פֿון דעם אייראָפּעיזשן ראַט איז דער איינציקער אָפּמאַך אויף דער וועלט, וואָס זײַן ציל איז צו באַשיצן און פּראָטעזשירן טראַדיציאָנעלע רעגיאָנאַלע שפּראַכן און שפּראַכן פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער געזעץ גיט פּינקטלעכע אָנווײַזונגען וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע שפּראַכן זאָלן גענוצט ווערן אין טאָג־טעגלעך פּאָליטיש און געזעלשאַפֿטלעך לעבן. ייִדיש איז איינע פֿון די מינדערהייט־שפּראַכן, טראַדיציאָנעל גערעדט אין ווײַסרוסלאַנד.

סעקרעטאַריאַט פֿונעם אייראָפּעישן געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן
אייראָפּעיזשער ראַט

F-67075 Strasbourg Cedex
+33 (0)3 88 41 20 00 :טעלעפֿאָן־נומער
minlang@secretariat@coe.int

**www.coe.int/minlang**

YID

דער אייראָפּעישער ראַט איז די פֿירנדיקע אָרגאַניזאַציע לגבי מענטשלעכע רעכט אויף דעם קאָנטינענט. ער פֿאַראייניקט 47 מיטגלידער־לענדער, פֿון וועלכע 28 זענען מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד. אַלע לענדער – מיטגלידער פֿונעם אייראָפּעישן ראַט – האָבן פֿאַרחתמעט די אייראָפּעישע קאָנווענציע לגבי מענטשלעכע רעכט, אַן אָפּמאַך, וואָס זײַן ציל איז צו באַשיצן מענטשלעכע רעכט, דעמאָקראַטיע און די מאַכט פֿון געזעץ. דאָס פֿירן־אין־לעבן פֿון דער קאָנווענציע אין די מיטגלידער־לענדער ווערט נאָכגעקוקט און קאָנטראָלירט פֿונעם אייראָפּעישעו געריכט לגבי מענטשלעכע רעכט.

**www.coe.int**

דער אייראָפּעישער פֿאַרבאַנד איז דאָס אוניקאַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שותּפֿות צווישן 28 דעמאָקראַטישע אייראָפּעישע לענדער. זײַנע צילן זענען שלום, וווילטאָג און פֿרײַהייט פֿון זײַנע 500 מיליאָן בירגער – אין דער בעסערער און זיכערער וועלט. כּדי צו דערגרייכן זייערע צילן, שאַפֿן די לענדער – מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד –אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿירן אָן מיט דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד און נעמען אָן זײַן געזעצגעבונג. די הויפּט־אָרגאַניזאַציעס זענען דער אייראָפּעישער פּאַרלאַמענט (וועלכער שטעלט פֿאָר די אייראָפּעישע תּושבֿים), דער ראַט פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד (וועלכער שטעלט פֿאָר די רעגירונגען פֿון די לענדער) און די אייראָפּעישע קאָמיסיע (וועלכע שטעלט פֿאָר די אינטערעסן פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד אין גאַנצן).

**http://europa.eu**

Рамачная праграма супрацоўніцтва для Арменіі, Азербайджана,
Грузіі, Рэспублікі Малдова, Украіны і Беларусі

Programmatic Cooperation Framework for
Armenia, Azerbaijan, Georgia, Republic of Moldova, Ukraine and Belarus

Funded
by the European Union
and the Council of Europe

EUROPEAN UNION

COUNCIL OF EUROPE
CONSEIL DE L'EUROPE

Implemented
by the Council of Europe